# ט׳ כסלו

א. די קביעות פון ט׳ כסלו — יום ההילולא פון כ"ק אדמו"ר האמצעי — פאַלט אויס (ברוב השנים) אין פרשת ויצא. שלכן י"ל[1], אַז אין אַט דער סדרה קען מען געפינען הוראות[2] און רמזים בנוגע ענין ההילולא של כ"ק אדמו"ר האמצעי.

אין דעם אַלטן רבי'נס סדור[3] איז מבואר, אַז אין פסוק[4] "עד הגל הזה" איז פאַראַן אַ רמז אויפן ענין פון ל"ג בעומר, דער יום ההילולא פון רשב"י. און עפ"י הידוע[5] אַז די הסתלקות פון מיטעלן רבי'ן איז געווען בדוגמה צו הסתלקות הרשב"י, איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער תוכן פון "עד הגל הזה" (וואָס אין פ׳ ויצא) האָט אויך אַ שייכות צו דער הילולא פון ט׳ כסלו.

ב. אין אַ "גל" געפינט מען צוויי היפך'דיקע אייגנשאַפטן: פון איין זייט איז דער צוועק פונעם גל צו דינען ווי אַ הפסק צווישן איין זייט און דעם צווייטן, אָבער לאידך גיסא, וויבאַלד אַז דער גל ווערט אויפגעשטעלט פון אַנגעוואָרפענע שטיינער (וועלכע זיינען ניט באַהעפט צוזאַמען, אַזוי ווי אין אַ חומה), מיינט עס ניט קיין הפסק אמיתי. דערפאַר זעט מען ווי דער גל אַליין שליסט ניט אויס אַז לפעמים מעג מען אים יע איבערגיין — און ווי רש"י[4] איז מפרש, אַז בלויז "לרעה אי אתה עובר אבל אתה עובר לפרקמטיא".

און דאָס איז די שייכות פון "גל" צו הסתלקות הרשב"י:

דער אויפטו פון רשב"י לגבי אַנדערע תנאים[6], איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דוקא ער[7] האָט גענומען רזין דאורייתא [מעשה מרכבה (אויף וואָס די משנה[8] זאָגט "אין דורשין במרכבה (אפילו) ביחיד אלא א"כ כו׳ "), און נאָך העכער] און זיי געבראַכט לידי גילוי (משא"כ אַנדערע תנאים, וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין די ענינים — האָבן זיי עס אָבער ניט מגלה געווען[9]). וע"ד ווי רשב"י האָט מחלק געווען אין זיינע תלמידים ברזין

1) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב: המועדים של כל השנה.. בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן כי הכל מיד ה׳ השכיל.

2) כידוע מאמר אדה"ז: "מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט", שהכוונה בזה הוא — "מיט דער פרשת השבוע" און "ניט נאָר לערנען די פרשת השבוע.. נאָר לעבן מיט איר" (היום יום ע׳ קא. ובארוכה — בסה"ש תש"ב ע׳ 29 ואילך).

3) שער הל"ג בעומר (דש, ג ואילך).

4) פרשתנו לא, נב.

5) מאמר הצ"צ (הובא בבית רבי ח"ב פ"ו — ע׳ 204). וראה גם הקדמה לתו"ח אשר "החל לדרוש דברים עתיקים ונפלאים", "לא סיים בוצינא קדישא למימר חיים כו׳" — שזהו בדוגמת המסופר באד"ז ע"ד הסתלקות הרשב"י "מלין קדישין דלא גליאן עד השתא בעינא לגלאה" (זח"ג רפז, ב); "לא סיים בוצינא קדישא למימר חיים" (שם רצו, ב).

6) ואפילו על תלמידי ר"ע (שהיו מקור התושבע"פ — ראה סנה׳ פו, א: סתם מתני׳ כו׳ וכולהו אליבא דר"ע) — ראה סד"ה וספרתם תרס"ו, ועד שלא הכירו את "כחו" (ראה ירושלמי סנה׳ פ"א ה"ב), כי הי׳ מובדל מהם.

7) ראה סדור שם (דש, סע"ב).

8) רפ"ב דחגיגה.

9) זח"ג קה, ב. וראה גם פסחים קיט, רע"א. חגיגה יג, א.

דאוריתא: יכתוב.. ילעי (און).. ירח־שון בלביהו[10].

און אַט די מעלת הרשב״י האָט זיך אויסגעדריקט ביחוד און אויפן העכסטן אופן אין דעם טאָג פון זיין הסתלקות, וואָס דאַן איז ניט בלויז ער אַליין צוגע־קומען צו די העכסטע השגות אין רזין דאוריתא[11], נאָר ער האָט אויך צו זיינע תלמידים מגלה געווען „מלין קדישין דלא גליאן עד השתא״[12].

און הגם אַז ער האָט דעמאָלט מגלה געווען בלויז צו זיינע תלמידים; און נאָך מערער: אפילו וואָס שייך זיינע תלמי־דים, איז — „נפקו כולהו״ און עס זיינען דערביי איבערגעבליבן בלויז געציילטע, און אויך צווישן די איבערגעבליבענע איז געווען חילוקים כנ״ל —

ווערט דאָך אָבער דערציילט דאָרט אין זהר, אַז רשב״י האָט דאַן אָנגעזאָגט אַז מען זאָל פאַרשרייבן די „מילין קדישין״; און דורך דעם וואָס מען האָט זיי דאַן פאַרשריבן זיינען זיי דערנאָך נתגלה געוואָרן צו אַלע אידן, און אין אַן אופן פון „יתפרנסון״[13], וואָס דאָס מיינט — פאַרשטיין און באַגרייפן אין אַ פנימיות.

ג. שטעלט זיך דאָך אָבער די שאלה: דעם חלק פון פנימיות התורה האָט דאָך תורה אָנגערופן „רזין דאוריתא״ — וואָס דאָס מיינט אַז עפ״י תורה דאַרף אַט דער חלק פון תורה זיין אין אַן אופן פון „רז״ (סוד והעלם), ביז אַז אפילו אין זהר גופא[14] שטייט „צריך לכסאה רזין דאוריתא״ — איז ווי האָט אים דער רשב״י מגלה געווען?

אויף דעם איז דער ענטפער — „עד הגל הזה״:

אַט די מחיצה וואָס טיילט פאַנאַנדער צווישן גליא דתורה און פנימיות התורה (אַז פנימיות התורה דאַרף פאַרבלייבן בהעלם און ניט קומען לידי גילוי), איז זי אין אַן אופן פון „גל״, וואָס גיט אַן אָרט אויף אַריבערגיין די מחיצה (ווי־באַלד ער איז ניט אויפגעשטעלט ווי אַ חומה). און דערמיט טראָגט דער „גל״ גופא אין זיך דעם אָנווייז אַז מען זאָל אים מעגן און דאַרפן איבערגיין — אויב נאָר דער ביטול המחיצה איז ניט לרעה, ח״ו, נאָר לטובה.

און כשם ווי דער ענין איז לעתיד לבא: אַז דעמאָלט, בעת דעם קיום היעוד[15] פון „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״ און עס וועט מער ניט זיין קיין שום נתינת מקום „לרעה״ ח״ו, וועט צוזאַמען דערמיט לגמרי בטל ווערן די מחיצה צווישן פנימיות התורה און גליא דתורה, און אויך פנימיות התורה וועט קומען בגילוי[16],

איז בדוגמא לזה אויך געווען ביים רשב״י[17] — וואָרום שרשו איז דאָך מבחי' משיח[18] — האָט ער דערפאַר ממשיך געווען פנימיות התורה בגילוי,

---

10) אד״ז שם רפז, ב.

11) סדור שם. והחרים תרל״א ס״ע נד ואילך.

12) אד״ז שם. וראה גם רצא, א.

13) תקו״ז (ת״ו בסופו). וראה כס״מ שם (נעתק בלקו״ש ח״ג ע' 873).

14) רע״מ פנחס רכו, א.

15) צפני' ג, ט.

16) וז״ל הרמב״ם סוף (וחותם) ספרו יד החזקה: (שבימות המשיח) יהיו ישראל חכ־מים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם.. שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים.

וראה לקו״ש ח״ל ע' 171 ואילך.

17) ובדוגמת הענין דמחצתי ואני ארפא — שאף שקאי על לע״ל (קה״ר פ״א, ד) — בכ״ז מבואר זה גם בנוגע לרשב״י (חייב אדם לברוך תרל״ח פכ״ה).

18) סדור שם שז, ב.

און פאַרבונדן איר מיט גליא דתורה באופן כזה, אַז ס'איז ניטאָ קיין חשש פאַר היפך הטוב ח"ו; ואדרבה, דער גילוי פנימיות התורה וואָס ער האָט אויפגע־טאָן, וועט ברענגען[19] די טובה הכי גדולה — די גאולה העתידה דורך משיח צדקינו.

ד. און דאָס איז אויך די שייכות פון "עד הגל הזה" צום יום ההסתלקות פון מיטעלן רבי'ן:

בשעת ס'איז געקומען די צייט אַז פני־מיות התורה זאָל נתגלה ווערן אין הבנה והשגה — תורת חסידות חב"ד, איז דאָס אַראָפּגעקומען לויט די חילוקי האופנים פון אַ המשכה מסודרת: דער אַלטער רבי (דער מייסד פון חסידות חב"ד) האָט אַרויסגעבראַכט די ענינים פון חסידות אין אַן אופן פון נקודה, נקודה; און דער מיטעלער רבי האָט זיי מבאר געווען אין אַן אופן פון התפשטות והתרחבות.

וכידוע[20] אַז דער הפרש צווישן דעם אַלטן רבי'ן און דעם מיטעלן רבי'ן לויט ענינם בסדר הספירות [כאָטש די רביים זיינען דער ענין פון "מאור" וואו ס'איז ניט שייך דער ענין פון "השתלשלות" וואָס איז דאָ אין אור והארה וכו', פונ־דעסטוועגן, איז ביי זיי אויך פאַראַן ווי זיי שטייען אין סדר השתלשלות הספי־רות], אַז דער אַלטער רבי איז ספירת החכמה וואָס ענינה איז נקודה, און דער מיטעלער רבי איז ספירת הבינה[21] וואָס איר ענין איז — התפשטות והתרחבות.

שטעלט זיך לכאורה די זעלבע שאלה: וויבאַלד דער אַלטער רבי האָט ניט מגלה ומבאר געווען די ענינים, הייסט עס דאָך אַז אפילו מצד חסידות חב"ד דאַרפן זיי בלייבן בהעלם, היינט פאַרוואָס האָט זיי דער מיטעלער רבי יע מגלה ומבאר געווען?

איז אויף דעם דער זעלבער ענטפער — "עד הגל הזה": דאָס וואָס דער אַלטער רבי האָט זיך געהיט פון מגלה ומבאר זיין איז געווען צוליב דער סיבה וואָס בזמנו איז נאָך געווען אַ חשש להיפך[22]. בשעת אָבער אַז דאָס איז אַראָפּ, האָט דער מיטעלער רבי אַראָפּ־גענומען די מחיצה און מגלה געווען חסי־דות בהתפשטות והתרחבות. און איצט, ווען מען איז שוין אַריבערגעגאַנגען אָט דעם "גל" לטובה, איז שוין דאָ די הכנה צו "גל עיני ואביטה נפלאות מתור־תיך"[23], צו די טעמי תורה שיתגלו לעתיד[24], בביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.

(משיחת ש"פ ויצא תשכ"ט)

---

19) ראה לקו"ש שם בריש העמוד וב־הנסמן שם.

20) סה"ש תש"ה ע' 60.

21) שלכן דוקא הוא דיבר בענין השינה בסוכה מצד המקיפים דבינה, כמבואר באריכה בשיחת ש"פ בראשית תש"ל (ראה לקו"ש חכ"ט ע' 212 הערה 13).

22) ועי"ד שבזמן נשיאותו של כ"ק אדה"ז עצמו, קודם פ"ב הוצרך להיות שלא בגילוי כ"כ כלאחרי פ"ב.

23) תהלים קיט, יח. וראה המשך חייב תרל"ח שם שגם פסוק זה "יתבאר על ל"ג בעומר".

24) דש"י שה"ש א, ב.

# ויצא

א. אויפן פסוק אלקי אברהם אביך ואלקי יצחק[1], שטייט אין מדרש[2] — און רש"י ברענגט עס בפירושו על התורה[1], אַז כאָטש דער אויבערשטער איז ניט מייחד שמו על הצדיקים בחייהם, וואָרום אויך ביי זיי איז מען ניט זיכער[3] "שלא יטעה אותן היצר הרע", פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער געזאָגט "ואלקי יצחק" (הגם דאָס איז געווען נאָך בחייו), ווייל "הואיל ונתייסם בעיניו כאילו הוא מת לפי שהי' גנוז לתוך הבית ויצה"ר פסק ממנו".

איז אין דעם ניט מובן: הן אמת אַז אַ סומא איז חשוב כמת, ווי די גמרא זאָגט[4] "ארבעה חשובין כמת, עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים", און בנוגע צו אַ סומא געפינט מען נאָך מער אַ פאַרגלייך צו מת: פונקט ווי אַ מת איז פטור מן המצות, ווי עס שטייט "במתים חפשי"[5], אַזוי איז אויך בנוגע אַ סומא, פאַראַן אַ דיעה, אַז ער איז פטור מכל המצות[6]

— איז דאָס אָבער אַלץ ניט קיין הסברה אויף די רייד פון דערמאָנטן מדרש אַז "יצה"ר פסק ממנו": מ'זעט דאָך במוחש ומעשים בכל יום אַז אַ סומא האָט אַ תאוה (אַ יצה"ר) און ער קען זינדיקן[7] אַ.ז.וו.? איז ווי זאָגט דער מדרש "הואיל ונתייסם בעיניו . . יצר הרע פסק ממנו", און אַז מצד דעם האָט דער אויבערשטער מייחד געווען זיין נאָמען אויף יצחק'ן אויך בחייו?

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים וואָס די גמרא[8] דערציילט וועגן רב יוסף'ן — וואָס ער איז געווען[8] אַ סגי־נהור[8*] — אַז בעת ער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, האָט ער געמאַכט אַ "יומא טבא לרבנן" און געזאָגט דעם טעם דערויף, אַז דאָס איז ווייל "נפקי לי מכרת". האָט אויף דעם אביי אים

1) פרשתנו כח, יג.

2) תנחומא תולדות ז.

3) ואף ש"הקב"ה יודע כל מה שיהי' וקודם שיהי' יודע שזה יהי' צדיק כו'" (לשון הרמב"ם הל' תשובה ספ"ה. ועיי"ש הטעם מה שאין ידיעתו מכריחה כו'), בכ"ז אינו מייחד שמו על הצדיקים בחייהם בדבור (לומר "אלקי פלוני"), כי כאשר הידיעה שלמע' באה בגילוי (בדיבור), מכריחה היא את האדם, וכידוע בענין צדיק ורשע לא קאמר (ראה תו"ח תולדות יג, ג ואילך. ובכ"מ).

ועפ"ז יובן מה שהקשה הרמב"ם שם ספ"ו "והלא כתוב בתורה ועבדום וענו אותם . . וקם העם הזה וזנה כו'" — אף שכבר כתב לפנ"ז (ספ"ה) שאין ידיעתו מכרחת כי אין ידיעתו כידיעתנו (וכמו ש־הקשה בלח"מ שם) — כי מה ש"אין (ידיעת) הקב"ה מושכו ולא גוזר עליו", הוא דוקא כשהידיעה אינה באה בדיבור, אבל "ועבדום וענו אותם" וכן "וקם העם הזה וזנה גו'" — שזהו דיבורו של הקב"ה, ה"ז מכריח את האדם. ובלשון הרמב"ם — "הרי גזר כו'".

4) נדרים סד, ב. וש"נ. ב"ר פע"א, ו. וש"נ.

5) תהלים פח, ו. שבת ל, א.

6) קידושין לא, א. ב"ק פז, א.

7) ולהעיר מסנה' צא, ריש ע"ב. שד"ח פאת השדה כללים א, קמט (כרך ז' ע' 3084 — הוצאת קה"ת).

8) מו"ק כח, א.

*8) הטעם מה שהסומא נקרא בשם "סגי נהור" שפירושו ריבוי אור — אף שלכאורה הוא היפך ענין הסומא, שהרי הסומא אינו רואה כלל — נתבאר בד"ה מן המיצר תש"ה פ"ד. עיי"ש.